**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/22/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אז דער אפיס פון באנייבארע ענערגיע פלאצירונג האט באשטעטיגט צוויי גרויסע סאָלאַר ענערגיע איינריכטונגען**

***א סך הכל 320 מעגעוואַטס פון סאָלאַר עלעקטרישע קראפט צו ברענגען איבער 54 מיליאן דאלער צו דער ארטיגער עקאנאמיע***

***זיבן גרויס-פארנעמיגע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן באשטעטיגט זינט 2021***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דער ניו יארק סטעיט אפיס פון באנייבארע ענערגיע האט ארויסגעגעבן פלאצירונג פערמיטס צו בארעלעקס׳ס ׳גרינס קארנערס סאָלאַר על-על-סי׳ און קאמיוניטי ענערדזשי׳ס ׳העמלאק רידזש סאלאר על-על-סי׳ אויף צו אנטוויקלען, אויסטטיליזירן, בויען, אפערירן, אויסהאלטן, און דעקאמיסיאנירן צוויי הויפט סאָלאַר ענערגיע איינריכטונגען. די דאזיגע פראיעקטן וועלן ברענגען אן אינאיינעמדיגע 320 מעגעוואַטס פון ריינע ענערגיע צו ניו יארקער שטובער און ביזנעסער און ברענגען איבער 54 מיליאן דאלער צו ארטיגע עקאנאמיעס.

״מיין אדמיניסטראציע האט באדייטנד צוגעיאגט אונזער אנטוויקלונג פון באנייבארע ענערגיע זינט פאריגעס יאר, און היינט טוען מיר ווייטער צעמענטירן אונזער פאזיציע אלס א פירער אין קלימאט אקציע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיר וועלן ווייטער אויספירן ביז׳ן סוף אונזער פארשפרעכונג צו אנטוויקלען ׳גרינע׳ ענערגיע לענגאויס דעם סטעיט, און די פראיעקטן ברענגען אונז נאענטער צו איבערשטייגן אונזערע אמביציעזע קלימאט צילן, שאפנדיג גוט-באצאלטע ׳גרינע׳ דזשאבס און שאפן א ריינעם, געזונטן ניו יארק פאר צוקונפטיגע דורות.״

מיט די היינטיגע החלטה, האט ניו יארק סטעיט אפיס פון באנייבארע ענערגיע פלאצירונג (ORES) איצט ארויסגעגעבן זיבן פערמיטס זינט 2021, מיט א מערהייט פון די החלטות קומענדיג אינערהאלב זעקס חדשים פון ווען אפליקאציעס ווערן גערעכנט פולקאם אויסגעפילט. דער ORES׳ס החלטה פאר די צוויי איינריכטונגען פאלגט נאך א דייטליכע און דורכזיכטיגע איבערזיכט מיט א פעסטער פובליק אנטיילנעמונג פראצעס צו פארזיכערן אז די פארגעשלאגענע איינריכטונגען קומען נאך אדער שטייגן איבער די פאדערונגען פון טייל 94-c פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ און איר איינפירן רעגולאציעס אין א צייטליכע און קאסט-גינציגע אופן.

׳גרינס קארנערס׳ איז א 120 מעגעוואַט (MW) סאָלאַר עלעקטרישע קראפט אויפטרייב איינריכטונג וואס געפונט זיך אין די טאונס האונספילד און וואטערטאון, דזשעפערסאן קאונטי. ׳העמלאק רידזש׳ איז א 200 MW סאָלאַר עלעקטרישע קראפט אויפטרייב איינריכטונג וואס געפונט זיך אין די טאונס באַר און שעלבי, ארליענס קאונטי. אינאיינעם, זענען די סאָלאַר איינריכטונגען ערווארטעט אויפצוטרייבן גענוג ריינע ענערגיע צו באקרעפטיגן איבער 62,000 ניו יארקער שטובער אויף לכל הפחות 20 יאר און רעדוצירן קארבאן עמיסיעס מיט איבער 476,000 מעטריק טאָנען יערליך. די פראיעקטן און אנדערע

גרויסער באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען ערלויבט און איצט אונטער ORES איבערזיכט זענען העכסט-נייטיג אויף נאכצוקומען די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ׳ס (CLCPA) אגרעסיווע קארבאן רעדוקציע און ריינע ענערגיע צילן צו באקעמפן קלימאט ענדערונג.

**אפיס פון באנייבארע ענערגיע פלאצירונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר האוטאן מאאוועני האט געזאגט,** ״ORES זעצט פאר ווייטער צו ליפערן ווירקליכע רעזולטאטן צו ניו יארק׳ס אמביציעזע און לאנד-וועגווייזיגע ענערגיע צילן. ORES האלט זיך פעסט אין איר אנטשלאסנקייט צו ארבעטן מיט ארטיגע רעגירונגען און קאמיוניטי מיטארבעטער דורכאויס דאס אנטוויקלען פון אלע הויפט באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען צו זיכער מאכן אז זיי ציען זיך ווייטער אויף אן אופן וואס באשיצט דעם ענווייראָנמענט און נעמט אין באטראכט אלע נוגע׳דיגע סאציעלע, עקאנאמישע, און ענווייראנמענטאלע פאקטארן.״

די ארטיגע סאָלאַר ענערגיע איינריכטונגען זענען ערווארטעט צוצושטעלן נייע איינקונפט פאר די קאונטיס, טאונס און סקול דיסטריקטן אין דעם פארעם פון ׳באצאלונגען אנשטאט שטייערן׳ (PILOT) אויף צו אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור, נאך סערוויסעס, און רעסאָרסן פאר איינוואוינער. די פראיעקטן וועלן טרייבן איבער 54 מיליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג און שאפן איבער 400 קורצ-טערמיניגע און לאנג-טערמיניגע דזשאָבס.

די הייינטיגע באשלוסן קען מען באקומען דורך גיין צו דעם אפיס׳ס וועבזייטל אויף https://ores.ny.gov/permit-applications.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענטקע און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** ״ניו יארק יאגט גיך צו איר אנטוויקלונג פון גרויס-פארנעמיגע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן אלס טייל פון אונזער אלץ-ארומנעמענדע צוגאנג צו טראנספארמירן דעם סטעיט׳ס עלעקטרישע ׳גריד׳. די באשטעטיגונג פון די צוויי פראיעקטן — ׳גרינס קארנער סאלאר׳ און ׳העמלאק רידזש סאלאר׳ — איז א גרויסער גרייכפונקט אין זייער רייזע צו קאמערציעלע אפעראציע און צייגט די פראדוקטיווע באציאונגען צווישן פראיעקט דעוועלאפערס, ארטיגע גאסטגעבער רעגירונגען, און קאמיוניטי פאראינטערעסירטע אויף צו פלאצירן די פראיעקטן פאראנטווארטליכערהייט אין שטיצע פון דעם סטעיט׳ס ריינע ענערגיע צילן.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״פראיעקטן וועלכע שאפן באנייבארע ענערגיע פירן פאראויס באמיאונגען צו דערגרייכן ניו יארק׳ס אמביציעזע, לאנד-וועגווייזיגע ענערגיע צילן און גרינהויז גאז רעדוקציע צילן. אזוי ווי דער סטעיט ציעט זיך אריבער צו מער סאלאר און ריינע ענערגיע אפעראציעס, מאכן מיר באדייטנדע רעדוקציעס אין שעדליכע לופט-פארפעסטונג וואס ווערט פארבעסערן פובליק געזונט, באשיצן אונזער ענווייראָנמענט, און פאראויס-ברענגען א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר אלע קאמיוניטיס.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״די סארטן באנייבארע פראיעקטן וועלן זיין קריטיש-וויכטיג אויף צו עררייכן דער סטעיט׳ס דרייסטע ריינע ענערגיע און קלימאט אגענדע. סאָלאַר פאַרמס פון אזא פארנעם פראדוצירן גענוג ענערגיע צו באקרעפטיגן טויזנטער שטובער און גלייכצייטיג אויך אריינבלאזן א נייע חיות און אונזער ארטיגע עקאנאמיעס. אלס א מיטגליד פון דעם קלימאט אקציע קאונסיל, גראטוליר איך די וועלכע האבן געמאכט די פראיעקטן א ווירקליכקייט און איך קוק ארויס מיט חשק צו זען דעם געפארטיגטן פראדוקט.״

**פרעזידענט פון די ניו יארק ליעגע פון קאנסערוועישען וויילער דזשולי טיגהע האט געזאגט,** ״בלויז איין טאג נאכדעם וואס גאווערנער האקול האט אויסגעמאלדן דער נעקסטער פארבעטונג פאר נאך 2,000 מעגוואַטס פון גרויס-פארנעמיגע באנייבארע ענערגיע, איז די ניו יארק ליעגע פון קאנסערוועישען

ווײלער באַגײַסטערט צו זען ווי דער אָפּיס פון באַנײַבאַרע ענערגיע גיבט אַרויס פּערמיט צו ׳גרינס קאָרנער סאָלאַר׳ און ׳העמלאָק רידזש סאָלאַר׳ פאַר צוויי נײַע הויפּט סאָלאַר ענערגיע אײַנריכטונגען אונטער דעם צוגעיאָגטן באַנײַבאַרע ענערגיע פּלאַצירונג און קאַמיוניטי בענעפיטן אַקט. מיר לויבן דער גאָווערנער פאַר׳ן נעמען ניו יאָרק פון הבטחות ביז במציאות׳דיגע פּראָיעקטן און ORES פאַר זײַער געשווינדע, אָבער דורכגעטראַכטע איבערזיכט פּראָצעס —זיי פאַרשטייען אַז די דרינגענדקייט וואָס קלימאַט ענדערונג פאָדערט מוז גיין האַנט-ביי-האַנט מיט די אויפפּאַסונג וואָס קומט זיך פאַר אונזערע קאַמיוניטיס.״

**עלייענס פאַר רײנע ענערגיע ניו יאָרק עקזעקיוטיוו דירעקטאָרין ען רעינאַלדס האָט געזאָגט,**
״אונזערע קלימאַט צילן זענען געוואָרן אונזערע קאַנסטרוקציע צילן, איבערהויפּט ווען עס קומט צו בויען ווינט-ענערגיע און סאָלאַר ענערגיע אײַנריכטונגען. עס איז גוטע נײַעס אַז דער אָפּיס פון באַנײַבאַרע ענערגיע פּלאַצירונג גייט מסודר׳דיג דורך די פּערמיט אַפּליקאַציעס וואָס עס ערהאַלט, און אַז צוויי נײַע סאָלאַר פּראָיעקטן זענען ערפאָלגרייך געגעבן ערלויבעניש. די פּראָיעקטן וועלן ליפערן רײנע ענערגיע און קאַנסטרוקציע דזשאָבס, ווי אויך שטייער אײַנקונפט צו זייערע גאַסטגעבער קאַמיוניטיס.״

**ניו יאָרק׳ס לאַנד-וועגווייזיגע רײנע ענערגיע איניציאַטיוו**

ניו יאָרק סטעיט׳ס לאַנד-וועגווייזיגע קלימאַט אַגענדע איז דער מערסט-אַגרעסיווער קלימאַט און זויבערע ענערגיע איניציאַטיוו אין דעם לאַנד, רופנדיג פאַר אַ מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראַנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואָס שאַפט דזשאָבס און טוט ווייטער אונטערהייבן אַ ׳גרינע עקאָנאָמיע׳ אין דער צייט וואָס ניו יאָרק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאָוויד-19 פּאַנדעמיע. מיט׳ן אַרײַנשטעלן אין געזעץ דער ׳קלימאַט פּירערשאַפט און קאַמיוניטי באַשיצונג אַקט׳ האָט זיך ניו יאָרק געשטעלט אויף אַ וועג צו ערגרייכן איר פאַרלאַנגטע ציל פאַר אַ זעראָ-עמיסיע עלעקטריק סעקטאָר ביז׳ן יאָר 2040, אַרײַנגערעכנט שאַפן 70 פּראָצענט איבערניציגע ענערגיע ביז׳ן יאָר 2030, און צו דערגרייכן קאַרבאָן נייטראַליטעט איבער דער גאַנצער עקאָנאָמיע. עס בויט אויף ניו יאָרק׳ס פּרעצעדענטלאָזע אינוועסטירונגען צו פאַרשנעלערן זויבערע ענערגיע, אַרײַנגערעכנט איבער 35 ביליאָן דאָלער אין 120 גרויס-פאַרנעמיגע באַנײַבאַרע ענערגיע און טראַנסמיסיע פּראָיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאָן דאָלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיעס, 1.8 ביליאָן דאָלער צו פאַרברייטערן סאָלאַר ענערגיע, איבער 1 ביליאָן דאָלער פאַר זויבערע-ענערגיע טראַנספּאָרטאַציע איניציאַטיוון, און איבער 1.6 ביליאָן דאָלער אין NY ׳גרינע באַנק׳ פאַרפליכטונגען. אַלעס צוזאַמען שטיצן די אינוועסטירונגען באַלד 158,000 דזשאָבס אין ניו יאָרק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאָר אין2020, אַ 2,100 פּראָצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפּרייטער סאָלאַר-ענערגיע סעקטאָר זייט 2011 און אַ פאַרפליכטונג צו אַנטוויקלען 9,000 מעגאַוואַטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאָר 2035. אונטער דער קלימאַט אַקט וועט ניו יאָרק בויען אויף די פאַרשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאַז אַרויסלאָז מיט 85 פּראָצענט פון די 1990שטאַפּלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פאַרזיכערן אַז כאָטש 35 פּראָצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פּראָצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאַמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און וואַנסירן פאַרשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-שפּאָרעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ׳ן-פּלאַץ ענערגיע באַניץ מיט 185 טריליאָן BTU פון ענדע-באַניץ געשפּאָרטע ענערגיע.

**איבער ORES**

דער אָפּיס פון באַנײַבאַרע ענערגיע פּלאַצירונג (ORES) איז דער ערשט-פון-איר-סאָרט סטעיט אַגענטור געווידמעט בלויז צו ענווייראַנמענטאַל פאַראַנטוואָרטליכע און ביליגע פּלאַצירונג פון באַנײַבאַרע ענערגיע אײַנריכטונגען און איז עטאַבלירט געוואָרן דורך דעם צוגעיאָגטן באַנײַבאַרע ענערגיע וואוקס און קאַמיוניטי בענעפיט אַקט אין אַפּריל 2020. דער אָפּיס קאָנסאָלידירט די ענווייראַנמענטאַלע איבערזיכט און פּערמיטירן אויף גרויסע באַנײַבאַרע ענערגיע אײַנריכטונגען זיכער צו מאַכן אַז פּלאַצירונג באַשלוסן זענען פאָראויסגעזעענע, פאַראַנטוואָרטליכע, און געטון אויף אַ צײַטליכן אופן מיט אײַנזאַג פון אָרטיגע רעגירונג

אגענטורן און גאסטגעבערישע קאמיוניטיס. אום מערץ 3, 2021, האט דער אפיס אנגענומען ברייט-ארומנעמנדע רעגולאציעס ארייננגערעכנט אן איינהייטליכע סטאנדארטן און אומשטענדן איינצופירן דעם אקט. דער אפיס איז באשטימט צו ערמעגליכן פאר ניו יארק צו שאפן 70 פראצענט פון דער סטעיט׳ס עלעקטרישע קראפט פון באנייבארע קוועלער ביז 2030, ווי געפאדערט לויט ניו יארק׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן, אוועקגעשטעלט אלס געזעץ דורך דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ. פאר מער אינפארמאציע איבער ORES, ביטע באזוכט www.ores.ny.gov.

###